בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן












## ✪ מזל טוב – מזל טוב

הנהלת הקינדערגארטן אין נאמען פון אלע חשובע מלמדים און איינגעשטעלטע, וואונטשן א הערצליכן "מזל טוב" פאר די אלע צענדליגע קינדערלעך קיעה"ר וואס האבן באקומען פיאות דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר. דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אלע אויסוואקסן ערליכע אידן גרויסע תלמידי חכמים און יראי ד', אייערע טאטעס און מאמעס זיידעס און באבעס זאלן דערלעבן צו זעהן פון אייך פיל נחת דקדושה געזונטערהייט עמו"ש.

## ✪ די שיינע הדלקה

(פאר אלע קינדערלעך פון פרי כתה א' – קינדערגארטן – און נורסערי) דעם זונטאג, ל"ג בעומר, איז פארגעקומען אין הויף פארענט פון ת"ת א הערליכע הדלקה לכ' התנא אלוקי ר' שמעון בר יוחאי. אלע קינדערלעך האבן זיך ארום געזעצט מיט א מוסטערהאפטיגן סדר אויסגעשטעלט דורך די חשובע מלמדים שיחיו. צום ערשט האבן די קינדער געזונגען ווארימע לידער פון ל"ג בעומר ווילאנג אלע קינדעלעך זענען ארויס געקומען אויפן גאס.
דערנאך האבן מיר געהערט אביסעלע וועגן דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר וואס דאס באדייט, און פארוואס מ'פירט זיך צו מאכן א פייער לכ' רבי שמעון בר יוחאי.
דאן האט א וואוילע אינגעלע **שמעון'לע סאנדל** נ"י מקיים געווען דעם מנהג ישרא' תורה צו שיסן מיט א ל"ג בעומר שיסער. אינדערצווישן האבן די חשובע מלמדים געהאט די גילעגנהייט אריין צו גיסן אויל אין די הדלקה.
דערנאך האט מען מכבד געווען איינער פון די חשובע מלמדים מו"ה **שמוא' שפילמאן** שליט"א און מיט גרויס התרגשות האט ער אנגעצונדן די הדלקה ווען די קינדערלעך זינגן זיך אונטער "לכ' התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי..."
ווען דער פייער האט שוין גוט געברענט האט דער באקאנטער מוזיקאנט מו"ה **יואל פייערשטיין** הי"ו אנגעהויבן פויקן, און מו"ה **שמעון שווארטץ** הי"ו פון קינדערגארטן אפיס האט געשפילט מיט זיין קלארינעט, אזש ס'האט זיך געשפירט ממש ווי אין מירון. דער חסידישע בעל מנגן, המלמד החשוב מו"ה **עמרם אקער** שליט"א האט איבערגענומען דעם מיי"ק, זיך געהויבן אין די לופטן און גענומען זונגען בר יוחאי און אלע קינדער האבן זיך שיין אויפגעשטעלט פון פלאץ און גענומען טאנצן לעבעדיג בר יוחאי – ואמרתם כי לחי – תורתו מגן לנו. ווען יעדע ווילע גייען אדורך חאלאקע קינדערלעך צוגעדעקט מיט א טלית געפירט צום חדר, פאר עטליכע האבן מיר אויסגעשריגן הויעך א מזל טוב.
נאכן טאנצן עטליכע מינוט האט מען זיך צוריק אראפ געזעצט זיך אפצורוען אביסעלע. ר' עמרם זינגט ווייטער אויף די מיי"ק שיינע ניגונים. דערנאך האט מען אריין גערופן אלע קינדערלעך וואס הייסן "שמעון" און מ'האט געמאכט א הערליכע רינג מיט זיי נעבן דעם פייער. דערנאך שטעלן זיך נאכאמאל אויף אלע קינדער און מ'האט געטאנצן אמר ר' עקיבא.
גאר התרגשות'דיג איז געווען ווען הרה"ח מו"ה **אלימלך שווארטץ** שליט"א שו"ב – וואס איז דא געווען צוליב אן אפשערן פון אן אייניקל נ"י - איז אריין אין רינג און געטאנצן א קאדטשקעלע מיט גרויס התרגשות און התרוממות הנפש פון וועלכע די קינדער האבן שטארק הנאה געהאט. צום לעצט האט מען געהייסן אלע קינדער זיך אוועק זעצן אויפן פלאץ אויב זיי ווילן זייער שטארק זעהן וויאזוי מ'לעשט אויס די פייער. א גרויסע מצילי אש טראק איז געקומען צו פארן מיט זייערע פייפערס (נישט צו הויעך... ווייל די קינדער האבן מורא) און מיר האבן אלע געקענט זעהן וויאזוי זיי נעמען א ריזיגע פיי"פ און זיי שפריצן אויף די פייער ביז ס'ווערט ענדליך אויסגעלאשן.... די הדלקה איז געווען א מורא'דיגע מעמד ב"ה. דער באשעפר זאל העלפן אז דער זכות פון רבי שמעון בר יוחאי זאל ביישטיין פאר אונז אלע און פאר גאנץ כלל ישראל געבענטשט צו ווערן בכל מילי דמיטב. אה, שיעור נישט פארגעסן, אלע קינדערעלך האבן באקומען א פיינע קיכעלע לכ' ל"ג בעומר.

## ✪ מ'גרייט שוין צו אונזער פארעם תשע"א

די לעצטע צוגרייטונגן ווערן איצט אריין געלייגט אין דעם היי יעריגן פארעם, און צוביסלעך הייבן אן די חיה'לעך אהער צו קומען איינע נאך די אנדערע, האפענטליך אויף תיכף נאך

שבועות וועט מען עפענען דעם פארעם צו דעם גרויס פרייד פון אלע קינדערלעך וואס קוקן שוין אזוי שטארק אריס דערויף. דער פארעם היי יאר אנטשפרעכט צו זיין גאר אינטרעסאנט מיט פארשידגענע נייע באשעפענישן פון וועלכע די קינדער וועלן זיכער הנאה האבן פון די הערליכע נפלאות הבורא.

## ✪ רץ כצבי...

(ספעציעל צו די עלטערן, די קינדער ווייסן נאכנישט דערפון אפיציעל) גאר א חשובע גאסט האבן מיר אריין באקומען היי יאר אינעם פארעם. א זיסע ניי געבוירענע "הערשל'ע". הערש'לע איז נאך זייער זייער קליין, א וואך אלט, ער באקומט יעדע דריי שעה א ווארימע מילך באטי וואס ער טרינקט מיט גרויס אפעטיט. הערש'לע גייט אדורך א פיזיק"ל זיכער צו מאכן אז ער איז געזונט און שטארק און פארמאגט נישט קיין קרענק ח"ו, הערש'לע באקומט אויך א נידעלע (SHOT) אזוי ווי אלע חיה'לעך וואס קומען אריין אין אונזער פארעם. הערש'לע איז נאך זייער קליין דערפאר איז ער אפגעזונדערט פון אלע אנדערע חיה'לעך, אבער אזוי ווי ער וועט גרעסער ווערן וועט ער זיך שוין קענען שיין שפילן מיט אלע זיינע חברים... די הונדעלעך, קאטשקעלעך, שעפסעלעך און ציגעלעך און נאך...

## ✪ א פאלי"ס אין קינדערגארטן?



חשובע עלטערן שיחיו, טאמער אייער קינד קומט אהיים און דערציילט "איך האב היינט געזעהן א עכטע פאלי"ס אין חדר". איז דאס צוליב די נייע זאך וואס מ'האט מען איינגעפירט אז יעדן אינדערפרי ווען די קינדער קומען אן אין חדר מיט די באסעס. שטייט דארטן א מיסטע"ר אנגעטוהן מיט די שמונה בגדים, און געט אכטונג אז קיין שום קאר טעקסי אד"ג זאל נישט קענען אריין פארן אין פארקינג לאט פון תלמוד תורה בשעת די באסעס לייגן אראפ די קינדער צוליב די גרויסע סכנה. און מיר בעטן טאקע די עלטערן אויב ברענגט איר אייער קינד מיט א קאר, ביטע קאפערירן מיט דעם, ווייל דאס איז בלויז פאר די טובה פון די קינדערלעך.


**מפרסמין עושי מצוה**

הנהלת הקינדערגארטן וויל אויסדרוקן א ספעציעלע דאנק
פאר די פאלגענגע טייערע אידן
וואס האבן שטארק צוגעהאלפן צום סוקסעס פון די הדלקה

בראש וראשון אונזער געטרייער מענידשער
**מו"ה משה לוי ברוין הי"ו**
וואס האט צוגעשטעלט די הדלקה אויף אזא מוסטערהאפטן אופן

**מו"ה יואל פייערשטיין הי"ו**
פארן שפילן אזוי געשמאק די מוזיק

**מו"ה שמעון שווארטץ הי"ו**
פארן שפילן קלארינעט

**מו"ה עמרם אקער הי"ו**
וואס האט געזונגען מיט די מיי"ק

**חברה מצילי אש**
פארן אויסלעשן דעם פייער


## איש את רעהו יעזורו

**<u>וועגן סיזענל אלערדש"י ביי קינדער</u>**

**ווען א קינד אדער אפי' אן ערוואקסענער פאנגט אן צו רייבן, די ערשטע זאך נעמט א גלעזל וואסער מיט אביסל בעקינג סאדע און וואשט אפ די פנים, עס העלפט אויף די רגע. אויב האט מען שוין צופיל געריבן וועט מן הסתם אויספעלן אויגן טראפן. אויך איז גוט אויסצישווענקן די מויל, עס בארואיגט גלייך.**

**מרס. פ.**

**צו שיקן א פראגע אדער א ענטפער ביטע שיקן א ענוועלאופ אויפגעשריבן צו "איש את רעהו" אפטיילונג עלטערן וועלן אייך דאנקבאר זיין**

# חכמה'לעך

✪

.... האט איין טאג צופרי באקומען א קענדי פון די מנהל ווייל ער האט געוויינט. דעם אנדערן טאג זאגט ער פאר זיין מאמע "היינט גיי איך נאכאמאל וויינען ווייל איך וויל נאכאמאל באקומען א קענדי". ארויף גייענדיג אויפן באס זאגט ער מיט באדויער. "מאמי, ס'גייט נישט... איך קען נישט וויינען....

✪

**ליפא'לע מויזקאף** זאגט ווען ער גייט זיין א טאטע, גייט ער זיין א רבי. "ס'איז גארנישט, סקען זיין דריי רבי'ס אין חדר"...

✪

**יוסף'לע שפיטצער** (א פרי נורסרי אינגל) טוט זיך אן אסאך קייטלעך און ער זאגט "יעדער זאל וויסן יעצט קומט דער כהן גדול, ווייל די גלעקעלעך קלונגען"..

✪

אויך זאגט ער פאר זיין מאמע ווען ער קומט אהיים אז ער דארף קוואל וואסער און ער האט אנגעשפריצט יעדן איינעם מיט די ספעציעלע פינגער ווייל אזוי האט זיין רבי איינמאל געזאגט אין די סדרה (מצורע מסתם)

✪

**שמחה'לע קויפמאן** פרעגט זיין מאמע א טאג נאך ל"ג בעומר "מאמי, היינט איז ל"ג בעומר חול המועד?"....

✪

**שמעון כהנא'ס** טאטע איז געפארן אויף א עראפלעין, און שמעון האט זייער שטארק געוואלט מיטפארן, ווייל, "זיין רבי האט געזאגט אז דער הייליגער באשעפער'ס הויז איז אין הימל און ער וויל פארן דארט מיט א עראפלעין צו קענען זעהן די הייליגע באשעפער".....

✪

פאר פסח שני האט **מרדכי'לע קרויס** געבעטן צו בלייבן אויף פאר בדיקת חמץ"...

✪

**ישכר בעריש פריעד** האט געזעהן שבת קודש אז ס'רעגנט האט ער געזאגט "יא עס רעגנט וועגן איינער לערנט תורה (בחקתי) ווען ער איז אהיים געקומען פון שוהל האט ער נישט פארשטאנען. "פארוואס רעגנט נישט אז יעדער לערנט תורה?"...

✪

**ישראל וואלוועלע ראזענבערג** זינגט לעבעדיג "אמר ר' עקיבא אמר ר' עקיבא אשריכם ישראל וואלוועלע"...

✪